# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:19
מוצאי שב"ק....................7:48

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........דברי הימים-ב ז'-ח'
בבלי.........................ביצה ל"ב
ירושלמי....................נזיר ל"ח
תוספתא.....................מגילה ג'
רמב"ם.............כלי המקדש ב'


פרשת בראשית, כ"ו תשרי, מברכים חודש חשון, שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 5 (520)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין אָנְהוֹיבּ מִיטְ'ן נָאמֶען "אֱלֹקִים", אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי אַלֶע מַאֲמָרוֹת וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶערוּפְן מִיט דֶעם נָאמֶען, בִּיז שְׁפֶּעטֶער אִין פָּסוּק שְׁטֵייט שׁוֹין "אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם בְּיוֹם עֲשׂוֹת "ה' אֱלֹקִים" אֶרֶץ וְשָׁמָיִם" (בְּרֵאשִׁית ב, ד), דָארְט וֶוערְט יָא דֶערְמַאנְט בֵּיידֶע נֶעמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵּין רַשִׁ"י פָּסוּק א') אַז אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט נָאר מִיט מִדַּת הַדִּין, וָואס דָאס אִיז דֶער נָאמֶען "אֱלֹקִים", עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען הַאלְטְן אַזוֹי, הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט מִדַּת הָרַחֲמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם הֲוַיָ"ה.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס נוּצְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, ווִי אַזוֹי קֶען דָאס אוּנְז לֶערְנֶען אַ וֶועג אִין לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט?

נָאר דֶער שֵׁם "אֱלֹקִים" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "הַטֶּבַע", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט עֶס זָאל אוֹיסְזֶען ווִי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, עֶס הָאט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זַאכְן אַרְבֶּעטְן אוּן טוּעֶן זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען נֶעמֶען אוּן אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, יֶעדֶער גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וֶוען מְ'מֵיינְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר טֶבַע, מִקְרֶה, אוּן מַזָּל, אַזוֹי פִירְן זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, דַאן אִיז מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע צָרוֹת, מְ'קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעלֵייגְט דֶעם שֵׁם הֲוַיָ"ה, וָואס דָאס וַוייזְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קֶען אוֹיסְזֶען ווִי זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיז אָבֶּער דֶער אֱמֶת אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס ווִי שְׁלֶעכְט אוּן שְׁוֶוער, אִיז עֶס אָבֶּער בֶּאֱמֶת נָאר חֲסָדִים אוּן טוֹבוֹת פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ חַזְרְ'ן אַסַאךְ אֱמוּנָה, אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַלֶעס אִיז פַארְ'ן טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן בְּשָׁלוֹם.

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ג) אַז וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה הָאט אַ גוּט לֶעבְּן, וַוייל וֶוען סְ'גֵייט אִים גוּט אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים, שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלוֹיבְּט אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה. ווִידֶער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען סְ'גֵייט אִים יָא גוּט, אִיז עֶר דִי גַאנְצֶע צַייט בַּאזָארְגְט אֶפְשָׁר וֶועלְן דִי גוּטֶע צַייטְן אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִי אַנֶערְקֶענוּנְג אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, סַיי דָאס גוּטְס אוּן סַיי דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז אַלֶעס נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אִיז דָאס מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, וַוייל לְעָתִיד לָבוֹא וֶועט יֶעדֶער זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי שְׁלֶעכְטְס, מְ'וֶועט מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב" אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער פַארְשְׁטֵיין אַז דִי גַאנְצֶע טֶבַע אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אוּן אַלֶעס וָואס זֶעט שְׁלֶעכְט אִיז בֶּאֱמֶת גוּט, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, לֶעבְּט עֶר שׁוֹין דָא אַזוֹי ווִי אִין עוֹלָם הַבָּא, עֶר הָאט אַ גוּטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אִין סַיי וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בְּרֵאשִׁית תשע"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וַוייל מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר אוֹיךְ וַוייל דֶער שַׁבָּת אִיז "רֵאשִׁית" - דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי יָאר, עֶס אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם יָאר, ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶער גוּף גֵייט נָאכְ'ן קָאפּ.

דֶערְפַאר אִיז גוּט דֶעם שַׁבָּת אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ פְּלַאן ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי יָאר וָואס קוּמְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה. אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן "דִּבְרֵי חַיִּים" זי"ע אַז אִין שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם שַׁבָּת ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, וָואס מֶען וִויל דָאס יָאר טוּן, וֶועט נָאכְדֶעם קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר, פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט, שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

#### דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי עֲבֵירָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט, דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל - הָאט עֶר גֶעזָאגְט (גִיטִין לו:): "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאכְאַלְץ לִיבּ, אִידְן טוּט תְּשׁוּבָה, קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מַבְאִישׁ רֵיחַ זַיין, מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס זָאגְן: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאכְאַלְץ לִיבּ; אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס וְכוּ' וְכוּ', הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ לִיבּ'; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר אַז מֶען הַאלְט פוּן זִיךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט, מֶען קְלַאפְּט זִיךְ אַרָאפּ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין יֵאוּשׁ אוּן מֶען לָאזְט אָפּ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יוֹם כִּיפּוּר תשפ"ב)

>>>>>>

הַמִדְרָשׁ, מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וְוִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶועֶנֶען אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ דַאוֶועֶנֶען אִינְדֶערְהֵיים בְּיְחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶועֶנֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶועֶנֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אָבֶּער לִיבּ צוּ צוּבְרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶועֶנֶען? דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וְוִי אַזוֹי דוּ זֶעסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶועֶנֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶועֶנֶען", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ טוּן וָואס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ דַאוֶועֶנֶען אִין שׁוּל אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וְוִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען וְוִי אַ מִקְוֶה וָואס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶועֶנֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְס.

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן חַזַ"ל, וְוִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וְוִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִי' רפ"ה סְעִיף ג') אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶּער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעהְט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווִינְטֶער פְרַייטָאגְס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען ווִיל עֶס נָאר טוּן פְרַייטָאג.

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

## זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

יֶעצְט אִין "שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית" אִיז דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְוֵויי, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶכֶת עוּקְצִין, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶה, עֶס טוֹישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵהִינוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דָארְט, נָאר עֶר פִירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

## גְמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְרוֹיס מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וְוִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַהֲרַ"ל מִפְּרַאג זַ"ל) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַּ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל.

וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וְוִי דֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְוֶועהִילֶער זִ"ע פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְמָרָא.

## מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, אוּן עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. דֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זִ"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט זָאגְן פְּשָׁט אִין מֶדְרָשׁ, וַוייל דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם זֹהַר, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, אָבֶּער אוֹיף מֶדְרָשׁ וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשָׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי פִיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים - מִטַּל הַשָּׁמַיִם - וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - וְרֹב דָּגָן - וְתִירֹשׁ, וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס"ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם - דָאס אִיז מִקְרָא. וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - דָאס אִיז גְמָרָא, וְתִירֹשׁ - דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוֹיף אֵייבִּיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שבּ"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אִיךְ קוּם צוּרִיק פוּן אַ נְסִיעָה שְׁלָאף אִיךְ פוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטְקֵייט, יֶעצְט בִּין אִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּקָאכְט פוּן פְרֵייד פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי זִיךְ, אִיךְ טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ! אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לִהְיוֹת בְּאוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה!"

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיט אוּנְז, שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיטְ'ן מַאן. עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ; מוֹהֲרַ"אשׁ פַארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, דֶער מַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי וַוייבּ אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אִיר, זָאל זַיין וָואס פַאר אַ פְּרוֹי עֶס זָאל זַיין; אַ שְׁוֶוערֶע, אַ שְׁלֶעכְטֶע, אַ הַארְטֶע, אַ אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס; דָאךְ דַארְף דֶער מַאן טְרֶעפְן אַ וֶועג וְוִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

נֶעם אַרַיין דִי וֶוערְטֶער, לֶעבּ מִיט דִי וֶוערְטֶער אַ גַאנְץ יָאר; גֶעדֶענְק אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז אַ הוֹיכֶע עֲבוֹדָה, יֶעדֶע מָאל מֶען גֶעבְּט נָאךְ אִין שְׁטוּב, מֶען אִיז אַ וַתְּרָן אוּן אַ סַבְלָן אִיז מֶען זִיךְ מְזַכֵּךְ אוּן מֶען קוּמְט צוּ גְרוֹיסֶע דַּרְגוֹת.

**אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לִהְיוֹת בְּאוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יוֹם כִּיפּוּר תשפ"ב)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קיט)

**תנב**

עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין, צוּ זַיין פֶעטֶער הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, וָואס הָאט זִיךְ דַאן דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ.

**תנג**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר וֵוייסְט אַלֶע שָׁרָשִׁים פוּן דִי תּוֹרָה פוּן דִי פְּלַאץ פוּן וואוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קוּמְט, וַוייל ס'זֶענֶען דָא וָוארְצְלֶען פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס זֶענֶען נָאךְ הֶעכֶער פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס פוּן דָארְט וֶוערְט נִמְשָׁךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט נִתְלַבֵּשׁ וֶוערְן אִין דִי תּוֹרָה בִּכְלָל; אוּן ס'זֶענֶען אוֹיךְ דָא זַאכְן וָואס זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן אַן אַסְמַכְתָּא, ס'אִיז נָאר בְּדֶרֶךְ אַסְמַכְתָּא בְּעָלְמָא, ס'לַיינְט זִיךְ אָן אוֹיפְ'ן פָּסוּק, וַוייל ס'אִיז גָאר גְרוֹיס אוּן הוֹיךְ.

**תנד**

שַׁבָּת שִׁירָה, י"ג שְׁבָט, אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג, אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ פָארְן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה צוּ אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטֶעט, אוּן דָארְט הָאט עֶר זָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ט"ו, ה') "תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט').

דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט ר' נַפְתָּלִי, אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי אֵיינֶער קוּמְט צוּ אִים פוּן יֶענֶע וֶועלְט אוּן פְרֶעגְט אִים צוּ וֶועלְכְן צַדִיק עֶר אִיז מְקוּרָב, אוּן עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט "צוּם בְּרֶסְלֶב'עֶר רֶבִּי", הָאט אִים יֶענֶער גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים עֶפֶּעס נָאכְזָאגְן אַ דְבַר תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וִוי ס'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, הָאט אִים ר' נַפְתָּלִי גֶעזָאגְט דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי תּוֹרָה, "דִי עִיקָר חַיּוּת בַּאקוּמְט מֶען פוּן תְּפִלָּה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים מ"ב, ט') תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי", אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פוּן יֶענֶע וֶועלְט הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה, אוּן פוּן גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן תְּשׁוּקָה הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז עֶר אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן פוּן אִים.

וֶוען ר' נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים, "מֵיינְסְטוּ דֶען אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט הֶערְט מֶען אוֹיךְ מַיין תּוֹרָה אַזוֹי וִוי אִיר הֶערְט עֶס דָא? נֵיין, דָארְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶוען מְ'הֶערְט אַ דִיבּוּר פוּן מִיר, אִיז דָאס גָאר אַן אַנְדֶערֶער עִנְיָן!"

**תנה**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז'), אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּבִּיסְלֶעךְ, שְׁטִיקְל בַּיי שְׁטִיקְל.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַאלְט מֶען אַרַיין אִין גָלוּת, אוּן דֶער סִימָן דֶערְצוּ אִיז דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ט, כ"ד) "מִשָּׁם רֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי זָאלְן אִים זָאגְן פְּשַׁט אוֹיף דֶעם מַרְאֶה, אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ זָאגְן.

נָאכְדֶעם הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעוִויזְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן דִי תּוֹרָה "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב) וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַאר זִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי תּוֹרָה, אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (תַּעֲנִית ז'.) "וּמִתַּלְמִידַי יוֹתֵר מִכֻּלָּם", פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאךְ דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלֶערְנְט, וִוי צוּ זָאגְן אַז יֶעצְט וֵוייסְט עֶר שׁוֹין פְּשַׁט אִין דִי מַרְאֶה.

דַאן הָאט עֶר צוּגֶעעֶנְדִיגְט דֶעם מַאֲמָר "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים", אוּן דָארְט רֶעדְט דֶער רֶבִּי פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז וֶוען מְ'אִיז פּוֹגֵם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִין אֱמוּנָה, גֵייט מֶען אַרָאפּ אִין גָלוּת מִצְרַיִם.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ דָאס הָאט צוּטוּן מִיטְ'ן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַרְאֶה, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי מַרְאֶה הָאט עֶר שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר מַשִׂיג גֶעוֶוען בִּשְׁלֵימוּת.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן דִי תּוֹרָה "תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ", אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ, אוּן דִי תּוֹרָה "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" אִיז אוֹיךְ נִכְלָל אִין דֶעם, אוּן דָארְט בַּיים סוֹף וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט דֶעם פָּסוּק "מִשָּׁם רֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל", אוּן אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין אַ פְּשַׁט אוֹיף דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַרְאֶה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# שו"ת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ שְׁוֶוערְן שָׁכֵן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַן עֵצָה פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט אַ דִירָה, אוּן מַיין שָׁכֵן אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶער מֶענְטְשׁ, עֶר גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט דִי הָאלְוֶועי, ס'אִיז אַלְץ אָנְגֶעלֵייגְט מִיט שְׁמוּץ, אוּן אִיךְ דַארְף עֶס כְּסֵדֶר אוֹיפְרוֹימֶען, אוֹיךְ יֶעדֶע הוֹצָאָה וָואס מְ'דַארְף זִיךְ צֶעטֵיילְן גְלַייךְ אוֹיף גְלַייךְ, דְרֵייט עֶר זִיךְ אַרוֹיס אוּן אַלֶעס פַאלְט אוֹיף מִיר, אוֹיךְ מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער כְּסֵדֶר קוֹלוֹת שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אִין דִי הָאלְוֶועי אוּן מְ'קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן.

כְ'הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעוָוארְנְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן וֶועל אִיךְ אִים רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, אָבֶער עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ אִיז דָאס אַ סִכְסוּךְ פוּן גֶעלְט - זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אִים צוּ אַ רָב אוּן דֶער רָב וֶועט פַּסְקְ'נֶען אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט.

אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן, דִי ווִילְדְקֵייט פוּן דִי קִינְדֶער אוּן דִי נִישְׁט צַאמְגֶענוּמֶענְקֵייט וְכוּ' וְכוּ' - דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע גֶעשֶׁעפְט; וָואס קֶענְסְטוּ טוּן? אוּן וָואס קֶען דֶער שָׁכֵן טוּן? וָואס קֶענֶען עֶלְטֶערְן טוּן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען מֶער לֶעבֶּעדִיג אוּן מֶער צֶעפְלוֹיגְן? הָאסְט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אָדֶער קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן זֵיי אוּן זֵיי לִיבּ הָאבְּן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן עֶנְק; אַז עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִי שְׁכֵנִים - פַאלְן אַוֶועק כִּמְעַט אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל שְׁכֵנִים מוּזְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אַז נִישְׁט אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע הוֹיז; עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן וֶוען מֶען וואוֹינְט מִיט שְׁכֵנִים וָואס קְרִיגְן זִיךְ. עֶס זֶענֶען דָא גְבִירִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעבּוֹיט פַּאלַאצְן אוּן זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אִין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת וֶועגְן דֶעם שָׁכֵן אוּן יֶענֶעם שָׁכֵן, וֶוען עֶס הָאט בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי שְׁכֵנִים; עֶס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וָואס ווִיל נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אָן אִים.

טְרָאג יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שֵׁיינֶעם קֶעיק פַאר דַיינֶע שְׁכֵנִים אוּן שְׁרַייבּ אַפָּאר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער: "לְכָבוֹד אוּנְזֶערֶע בֶּעסְטֶע שְׁכֵנִים ...", וֶועסְטוּ זֶען פְּלוּצְלוּנְג אַז עֶס וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי גֶערוּדֶער אוּן עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

# דִי לַאנְגֶע ווִינְטֶער נֶעכְט

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ גוּטֶע סְגוּלָה פַאר אַלֶע וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט דָאס כְּסֵדֶר אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, אוּן זֵיי שְׁלָאפְן אַרַיין בִּיז טִיף אִינְמִיטְן טָאג אַרַיין; דִי סְגוּלָה אִיז "גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ". דִי סְגוּלָה קָאסְט נִישְׁט גֵיין גֶעלְט, דִי סְגוּלָה אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס אִיךְ פַארְנַאר דִיר, אוּן דֶער סְגוּלָה אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה – אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ שְׁטֵייט מֶען אוֹיף צַייטְלִיךְ, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט אוֹיף דֶער נַאכְט שְׁטֵייט מֶען אוֹיף שְׁפֶּעט, דָאס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין.

גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבְּן בָּחוּרִים זֵייעֶר לִיבּ אוֹיף צוּ זַיין שְׁפֶּעט אוֹיף דֶער נַאכְט, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְּלוֹידֶערְט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת מִיט דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכַךְ, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען שְׁלָאפְן מִידֶערְהֵייט אָן קֵיין קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן קֵיין נֶעגְל וַואסֶער, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין בֶּעט אָן יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער יֵצֶר הָרַע אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַזַא פַארְדְרֵייטֶע סֵדֶר הַיּוֹם וַוייל אַזוֹי הָאט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם צוּגְרוּנְד גֶעלֵייגְט דֶעם גַאנְצְן טָאג. אַ וואוֹילֶער בָּחוּר מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר, עֶר גֵייט שְׁלָאפְן פְּרִי, אוּן עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ – מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:) אַז רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'שֶׁע בֶּעט, עֶס אִיז דָא אַפָּאר פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז "לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז אַן עִיקָר אִין קְדוּשָּׁה, אוּן וֶוער עֶס ווִיל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין דַארְף זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, נִישְׁט אַרָאפּ צוּ גֵיין פוּן בֶּעט אָן דֶעם וָואס מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער. אוּן אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד שְׁטֵייט מֶען אוֹיף ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגֻלָּה וָואס אִיךְ קֶען דִיר גֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ.

וֶועסְטוּ מִיר אַוַדַאי צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, אַ עֵצָה נִישְׁט צוּ בַּטְלְ'נֶען קֵיין צַייט, אַ עֵצָה נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. מֵיין נִישְׁט אַז אוֹיף אַזֶעלְכֶע קְלֵיינִיקֵייטְן דַארְף מֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים, הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל הֵן עַל דָּבָר קָטָן, תִּתְפַּלֵּל", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, סַיי אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ סַיי אוֹיף אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִילָּה אִיז, אוּן ווִי שְׁטַארְק תְּפִילָּה אִיז, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיר לֵייגְן צַייטְלִיךְ יֶעדֶע נַאכְט, אִיךְ זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, אוּן גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע נַאכְט וֶוער אִיךְ אַזוֹי פוֹיל, אִיךְ דְרֵיי מִיר אַהֶער אוּן אַהִין, אִיךְ פַארְבְּרֶענֶען דִי נַאכְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט אָן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן נֶעגְל וַואסֶער, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי.

וְעַל כּוּלָּם זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, וַוייל מִשְׁנַיּוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן. מִשְׁנַיּוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשע"ח)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרישער זמן אין ישיבה קטנה

יעצט נאך סוכות, הויבט זיך אן - מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף - דער נייער זמן אין ישיבה קטנה היכל הקודש ברסלב.

די פרישע בחורים, וואס קומען יעצט ארויס פון די הייליגע תלמוד תורה היכל הקודש אין וויליאמסבורג, און האבן ברוך ה' זייער שיין מצליח געווען אין חדר, ווי עס זאגן עדות אלע וועלכע זעען די טייערע קינדער פון די תלמוד תורה, אז אזעלכע קינדער איז שווער צו טרעפן, קינדער וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן, קינדער וואס זענען צו גאט און צו לייט, קינדער ביי וועמען דער הייליגער רבי איז איינגעקריצט ביי זיי אין די ביינער און זיי לעבן מיט די אלע הייליגע עצות, ממש לשם ולתפארת.

אלס מגיד שיעור איז אויפגענומען געווארן הרה"ג מוה"ר אלחנן רוטה שליט"א וואס איז ברייט באקאנט מיט זיין כח ההסברה, פון וואס די בחורים וועלן זיכער הנאה האבן, און וועלן שטייגן על במתי התורה והיראה.

דער מנהל פון די ישיבה קטנה איז מוה"ר נתנאל פארקאש שליט"א, וואס וועט אי"ה באגלייטן די בחורים טאג טעגליך, אז זיי זאלן מצליח זיין אויפ'ן בעסטן פארנעם.

מיר זענען מתפלל צום אייבערשטן אז די בחורים זאלן גאר שיין מצליח זיין דעם קומענדיגן זמן, לערנען און דאווענען און זיך שטארקן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז.

מעלין בקודש!

***

## הערליכע יום טוב סוכות ביים ראש ישיבה שליט"א

גאר א שיינער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו דעם סוכות, ווען מיר האבן געשעפט פרישע כוחות און חיזוק פונעם יום טוב, וואס דאס וועט אונז באגלייטן אויפ'ן גאנצן יאר.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר שרייבן קומענדיגע וואך א לענגערע באריכט פון דעם הערליכן יום טוב, מיט וואס אנשי שלומינו האבן זיך אויפגעפרישט און מחזק געווען מיט די תפלות, שיעורים און דרשות, הושענות און הקפות, בצל הקודש פונעם ראש ישיבה שליט"א.

שישו ושמחו בשמחת התורה!


## עצתו אמונה אויף פּאָסט




סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

718-387-2691 #3

subscribe@kerenhadfusa.org

## דרשות הושענא רבה

ווארעמט אייך אן צום קאלטן ווינטער מיט די תפלות, הושענות, און דרשות, פון הושענא רבה ביים ראש ישיבה שליט"א

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 1, 8, 1, 6

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876

< BreslevCenter.com >